# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת מטות | כ"תה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**וימסרו מאלפי בני ישראל:** פארוואס שטייט א לשון פון 'מסירה'?

זאגט **דער הייליגער אפטער רב זי"ע:** ווייל משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן אז מען מוז מלחמה האלטן מיט מדין כדי נוקם צו זיין "**נקמת ה'**", נישט די נקמה פון די אידן, האבן דאך די אידן געדארפט זיין גרויסע צדיקים וואס זאלן קענען אוועק לייגן זייער מדת נצחון און אינזין האבן צו הרג'נען די מדינים נאר לשם שמים.

אבער אזוי ווי די אידן זענען געווען צדיקים האבן זיי זיך אויך געהאלטן קליין, און האבן געזאגט אז זיי זענען נישט ראוי צו גיין אין מלחמה ווייל זיי קענען נישט אינזין האבן לשם שמים. אבער זייערע חברים האבן יא גוט געוואוסט אז זיי זענען צדיקים. זענען די חברים געגאנגען און האבן אויסגעזאגט פאר משה רבינו אז די און די מענטשן זענען צדיקים. וועגן דעם שטייט "**וימסרו**" אז מען האט זיי גע'מסר'ט, די חברים האבן אויסגעזאגט פאר משה רבינו אז זיי זענען ראוי לנקום נקמת ה'.

## ידיעות פון די וואך

### מען דארף הערן מוסר!

דער **שפת אמת זצ"ל** ווען ער איז געווען א יונג קינד איז ער נתגדל געווארן אין שטוב פון זיין גרויסן זיידן **הגה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע**, און ער האט געהאט א שיעור יעדן פארטאגס צו לערנען מיטן זיידן א שיעור קבוע.

איינמאל האט ער אפגעשמועסט צו לערנען מיט א חבר א גאנצע נאכט און ער האט געלערנט ביז שפעט, אזוי האט ער אריינגעצויגן אינעם לערנען ביז ווען עס איז שוין געווען נאך די צייט וואס ער פלעגט גיין לערנען מיטן זיידן.

ווען ער איז אנגעקומען צום זיידן צום לערנען, האט אים דער זיידע אריינגעגעבן א שארפן 'פסק' היתכן ער קומט שפעט, און ער פארשלאפט דעם זמן הלימוד, און ער האט אים אזוי שארף אריינגעזאגט א לענגערע צייט, און דער יונגער אייניקל איז געשטאנען מיט הכנעה און זיך צוגעהערט צו די שארפע ווערטער פונעם זיידן, און ער האט נישט געענטפערט מיט קיין איין ווארט.

הערשט שפעטער האט ער דערציילט פארן זיידן אז ער האט זיך פארלערנט מיטן חבר און וועגן דעם האט ער געשפעטיגט אנצוקומען צום לערנען

מיטן זיידן.

האט זיך דער **חידושי הרי"ם** זייער געוואונדערט אויף דעם וואס ער האט אים אזוי שיין אויסגעהערט די דברי מוסר און ער האט גארנישט רעאגירט דערויף בשעת ווען ער האט אים געזאגט די שארפע מוסר ווערטער.

האט דער **שפת אמת** געענטפערט פארן זיידן: אין פרשת מטות שטייט אז משה רבינו האט געזאגט זייער שארפע דברי מוסר ותוכחה פאר די בני גד ובני ראובן אויף דעם וואס זיי ווילן נישט אריבערגיין דעם ירדן, און ער האט געזאגט א לאנגע דרשה פול מיט דברי מוסר ותוכחה אויף דעם וואס זיי ווילן טון, און די בני גד ובני ראובן האבן גארנישט געזאגט פאר משה רבינו, נאר נאכדעם וואס ער האט שוין געענדיגט די גאנצע דרשה מיט די אלע דברי מוסר, האבן זיי געזאגט אז זיי מיינען גארנישט, און זיי ווילן יא אריבערגיין דעם ירדן און העלפן אידישע קינדער מלחמה האלטן מיט די גוים.

שטעלט זיך די קשיא פארוואס טאקע האבן די בני גד ובני ראובן נישט תיכף געזאגט פאר משה רבינו אז זיי וועלן יא גיין העלפן די אידן מלחמה האלטן, און זיי וואלטן דורכדעם געקענט פארשפארן צו הערן די גאנצע מוסר דרשה פון משה רבינו ע"ה?

"נאר וואס דען" האט דער **שפת אמת** אויסגעפירט "אז מען האט די זכי' צו הערן דברי מוסר פון משה רבינו, אפילו ווען אויפן פלאץ קומט זיך נישט די תוכחה, הערט מען דאס צו און מען איז דאס מקבל, ווייל צו הערן מוסר פון א צדיק קומט אלעמאל צוניץ און עס איז זייער חשוב".

"פאר די סיבה האב איך געוואלט הערן די מוסר וואס דער זיידע האט מיר געזאגט איבער דאס הארבקייט פון פארשלאפן די צייט ווען מען דארף אויפשטיין צום לערנען, ווייל אפילו אויב אויף די יעצטיגע מינוט איז דאס נישט אזוי ווייט נוגע געווען, וועט דאס אבער זיכער נאך אמאל שטארק צוניץ קומען, און די ווערטער זענען א געוואלדיגע טובה צו הערן".

## איש כי ידור נדר לה' וגו' לא יחל דברו.

טייטשט דער **עצי חיים** זי"ע לויט די ווערטער וואס דער **ישמח משה** זי"ע שרייבט אין די פתיחה צום ספה"ק, אז באמת יעדער איד האט זיך זיין זמן וואס ער האט א תשוקה זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן און צו טון זיין רצון, נאר געווענליך גייט דאס אזוי אז מיט די צייט קומט אריין א קאלטקייט אין אים און די התעוררות וועבט אויס.

אבער די בני עלי' זענען נישט אזוי, נאר אלעמאל זענען זיי ווארעם מיטן זעלבן ברען און מיטן זעלבן קאך, אלעמאל זעהט זיי אויס אז זיי האלטן נאך ביי די התחלה און זיי שטארקן זיך ווי מער יעדעס מאל אז זיי זאלן גיין אלס העכער ווייל זיי זענען נישט צופרידן מיט זייער עבודה.

דאס זאגט דער פסוק **איש כי ידור נדר לה'**, א מענטש וועט אויף זיך נעמען אלס זיין חוב צו טון דעם רצון ה', איז דער עיקר **לא יחל דברו**, און ער זאל נישט אפגעקילט ווערן נאר ער זאל די גאנצע צייט בלייבן אויף די הויכע מדריגה פונקט ווי ביים אנהויב.

*

## לא יחל דברו ככל היצא מפיו יעשה:

מ'זאגט נאך פון צדיקים אז א צדיק וואס איז זייער נזהר אין זאגן ליגענט, און ער טוט קיינמאל נישט אנדערש ווי ער אליין האט געזאגט, האט ער א שטארקן כח צו פועל'ן ישועות פאר אידן און זיין ווארט איז זייער אנגענומען אין הימל.

דאס זאגט דער פסוק אויב איז "**לא יחל דברו**" ער גיט זיך אכט נישט צו פארשוועכן זיינע ווערטער וואס ער זאגט ארויס פון מויל, דאן איז "**ככל היוצא מפיו יעשה**" וואס ער וועט וואונטשן וועט דער רבש"ע ממלא זיין.

# הילולא דצדיקיא

## הגה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע

### כ"ב תמוז

די קומענדיגע וואך זונטאג פר' מסעי, כ"ב תמוז, איז די יארצייט פון **הגאון הקדוש רבי שלמה מקארלין זצוק"ל**, וועלכער איז געווען פון די בארימטע צדיקי הדור, וואס אלפי ישראל וואס האבן זיך מסתופף געווען בצל קדשו.

עס איז געווען אמאל ווען דער הייליגער **בארדיטשובער זי"ע** האט באפוילן פאר זיין משמש אז ער זאל גיין רופן 'שלמה בן יוטא', דער משמש איז געגאנגען זוכן אין די גאנצע שטאט, און עס האט גענומען א לענגערע צייט ביז ווען ער איז געוואויר געווארן אז עס איז דא א אינגערמאן מיט דעם נאמען **'שלמה בן יוטא'**, א ארימער מלמד, ער האט געוואוינט אין א קליינע חרוב'דיגע דירה. איז דער משמש געגאנגען און געזאגט פאר דעם אינגערמאן אז דער רבי רופט אים. האט ער געענטפערט אז ער וועט קומען אין עטליכע שעה ארום.

פארן משמש איז געווען א גרויסע פלא, היתכן דער רבי רופט א אינגערמאן און ער קומט נישט תיכף. נאך עטליכע שעה ווען דער אינגערמאן איז אריבערגעקומען צום הייליגן בארדיטשובער האט ער זיך אויפגעשטעלט פאר אים מלא קומתו, און אויסגערופן **"ברוך הבא רבי שלמה"**, און ער האט אים געגעבן א בענקל צו זיצן, און זיי זענעןביידע געזעסן אפאר שעה איינער נעבן צווייטן ווען זיי רעדן נישט ארויס קיין טטרט פון מויל, און זייער פנים איז רויט ווי פייער. נאך עטליכע שעה האבן זיך די צוויי צדיקים צולאכט, און זיי האבן זיך געזעגנט.

פארן משמש וואס האט דאס מיטגעהאלטן איז די גאנצע זאך געווען א פליאה נשגבה, וואס איז דא פארגעקומען. האט דער הייליגער בארדיטשובער דערציילט אז עס איז געווען א גרויסער קטרוג אויף אלע אידן וואס וואוינען אין די סביבה, און די גוי'אישע פריצים האבן זיך צוזאמען גענומען מיטן ציהל ארויסצוגעבן א גזירת גירוש אויף די אלע אידן פון די סביבה. איך האב איינגעריסן רחמי שמים צו מבטל זיין די גזירה, האט מען מיר געענטפערט אז ר' שלמה בן יוטא קען מבטל זיין די גזירה, ווייל אליהו הנביא קומט אפט מאל צו אים אין שטוב, וועגן דעם האב איך אים געשיקט רופן.

ווען ער איז אריבערגעקומען אהער האבן מיר אינאיינעם פרובירט מבטל צו זיין די גזירה. עס האט אונז געכאפט א פחד צו זעהן ווי אלע שונאי ישראל זענען בדעה אחת דורכצופירן די גזירה קעגן די אידן.

לויט זייערע געזעצן איז געווען אז אויב איין פריץ איז נישט מסכים צו א געזעץ קען ער דאס צושטערן, אבער דא איז נישט געווען אפילו איינער וואס זאל דאס צושטערן איז דער מצב געווען זייער ביטער.

רבי שלמה איז דאך אבער רגיל מיט **אליהו הנביא**, האט ער פאראבעט און אליהו הנביא איז אנגעקומען אינמיטן די אסיפה אנגעטון ווי אן אלטער שר, און ער האט זיך אנגערופן **"אז איך בין נישט מסכים צו די גזירה און איך וויל נישט חתמ'ענען"**, עס איז געווארן א מהומה און א קריגעריי, און צום סוף איז די גזירה בטל געווארן.

ווען מיר האבן דאס געזעהן האבן מיר אנגעהויבן צו לאכן פון די נארישע שרים, אז א פרעמדער מענטש קען אריינקומען צו זייערע אסיפות, און אפילו קיינער דארט האט אים נישט געקענט האט ער געקענט מבטל זיין די גאנצע גזירה.

דער אינגערמאן איז שפעטער נתפרסם געווארן אלס **הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע,** וועלכער איז געווען פון די בארימטע צדיקי הדור, און מדריך ומנהיג פון אלפי ישראל.

ער איז נסתלק געווארן בליל שב"ק כ"ב תמוז שטייענדיג מיטן בעכער פון קידוש אין די האנט, ווען ער איז געשאסן געווארן דורך א קויל פון א גוי ר"ל. צדיקים האבן געזאגט אויף אים אז ער האט געהאט די נשמה פון משיח בן יוסף.

**זכותם הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

❀

# פרקי אבות

## פרק ראשון

**משה קבל תורה מסיני:**

אין ספר החיים שטייט אז ווען דעם הייבט זיך אן די פרק מיט די ווערטער, צו ווייזן אז ביי אידישע קינדער דארף אלעס גיין מיט א מסורה, אפילו אזא זאך ווי מוסר און מידות טובות וואס דער מענטשליכער שכל זאגט אז דאס דארף זיין, האבן מיר אויך א מסורה ביז משה רבינו.

❀

**על מנת לקבל פרס:**

הרה"ק ר' ברוך מקאסוב זי"ע א תלמיד פון הרה"ק ר' מענדעלע וויטעבסקער זי"ע איז מסביר די משנה מיט א משל:

ראובן האט געדונגען שמעון אז ער זאל אריבערפירן סחורה פון איין ארט צום צווייטן, און ער באצאלט אים צען גולדן. אויב איינער וועט פרעגן שמעון פארוואס ער טוט די ארבעט וועט ער זאגן אז ער טוט דאס פאר צען גולדן, אבער אויב איינער וועט אים זעהן עס א געשמאקן מאכל, וועט אים קיינער נישט פרעגן פארוואס ער עסט, יעדער וועט פארשטיין אז ער עסט ווייל עס איז געשמאק און ער האט ליב צו עסן.

דאס מיינט די משנה, אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס, די עבודה פון א איד טאר נישט אויסזעהן ווי ער טוט דאס נאר ווייל ער גייט באקומען א שכר, נאר מען דארף דאס טוהן מיט אזא לעבעדיגקייט און געשמאק, אז מען זאל דערקענען אז ער טוט דאס נאר ווייל עס איז זיס און געשמאק.

❀

**על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים:**

זאגט דער תפארת ישראל אז די דריי עמודי העולם זענען על התורה, אין דעם ליגט דער יסוד פון אלע חכמות, ועל העבודה מיינט מען די מצוות וואס זענען צווישן אידישע קינדער מיטן אייבערשטן, ועל גמילות חסדים זענען די מצות שבין אדם לחבירו, וואס מיט די דריי זאכן קען א איד גאר הויך דערהויבן ווערן.

עס שטייט אין פסוק ואת בלעם בן בעור הרגו בחרב.

זאגט רש"י וואס האט בלעם דארט געטון? נאר ער איז געקומען קיין מדין אפנעמען דעם חוב וואס מ'איז אים שולדיג געבליבן פאר זיין גוטע עצה, און דעמאלטס האבן אים די אידן גע'הרגעט, ונתנו לו שכרו משלם ולא קפחוהו.

זאגט דער זיידע הגה"צ רבי שמואל יעקב זצ"ל הי"ד בדרך צחות וואס איז די כוונה "ונתנו לו שכרו משלם", ווייל באמת פאר בלעם הרשע איז נישט מעגליך געווען אז די מדינים זאלן אים קענען באצאלן "שכרו משלם", ווייל וויבאלד זיין מידה איז געווען "עין רע" איז ער קיינמאל נישט געווען צופרידן, און וויפיל מ'וואלט אים נאר געגעבן וואלט ער נישט געווען צופרידן, און ער וואלט אלס געבעטן מער.

אבער די אידן האבן אים באצאלט מיט אזא סארט 'תשלומין' אז עס איז געווען "שכרו משלם", ווייל אז זייער תשלומין איז געווען דאס וואס מ'האט אים געהרגעט מיט א שווערד, מיט די סארט תשלומין איז בלעם געווען צופרידן וויפיל מ'האט אים געגעבן, און ער האט נישט געבעטן מער.

*

דער זיידע הגה"ק רבי יואל צבי ראטה זצוק"ל בעמח"ס בית היוצר אב"ד חוסט איז געווען דבוק מיט א שטארקע דבקות אין מרן הגה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע.

עס איז געווען איינמאל ווען ער האט געהערט אז הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל זי"ע מראצפערט, דער זון פונעם הייליגן דברי חיים, וועט אריבערפארן די שטאט וואו ער האט דעמאלטס געוואוינט, האט ער באלד אנגעטון זיין שטריימל און בעקיטשע, און ער איז אזוי ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם צדיק. (עס דארף באמערקט ווערן אז רבי שלום אליעזר איז נאך געווען גאר א אינגערמאן, ווייל ביי די פטירה פונעם זיידן איז ער אלט געווען בערך דרייסיג יאר).

ווען ער האט איהם געזעהן האבן אנגעהויבן צו פליסן טרערן פון זיינע אויגן און ער האט געזאגט "דעם רבי'נס א קינד, דעם רבי'נס א קינד".

אין די הסכמה וואס הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל שרייבט אויפן ספר "דרשות בית היוצר" שרייבט ער בלש"ק "הגאון הצדיק חסידא ופרישא כקש"ת מו"ה יואל צבי ראטה זצוקל"ה האבדק"ק חוסט יצ"ו בשם "דרשות בית היוצר" והנה גוף הספר אין צריך להסכמה כי הוא מפורסם לצדיק וחסיד וכ"ק אאמו"ר רבן של ישראל זצוקלה"ה אוהבו מאד וקרב אותו ביותרת הכבוד".

**כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו, וכל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו. טייטשט הרב הק' ר' אברהם דוב מחמעלניק זי"ע כל שרוח הבריות נוחה הימנו, מיינט אז מען קומט אים נישט שטערן פון זיין עבודה, און מענטשן קומען נישט צו לויפן צו אים מיט זייערע בקשות און קוויטלעך, איז דאס א סימן אז רוח המקום נוחה הימנו, דער אייבערשטער האט אויך מנוחה פון אים, און ער איז נישט צופיל מתפלל פאר ישועות פון אנדערע אידן, אבער כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו, זיי לאזן אים נישט קיין מנוחה נאר זיי לויפן אים נאך מיט זייערע געברויכן, אזה ער זאל פאר זיי פועל'ן ישועות, איז דאס א סימן אז אין רוח המקום נוחה הימנו, ער לאזט נישט דעם אייבערשטן קיין מנוחה, נאר ער האלט אין איין מתפלל זיין און בעטן פאר אידנס וועגן. (אור הגנוז עמ' מ"ד)**

זאגט דער ווילנער גאון זי"ע אז דין איז דאס וואס מען גיט אפ אויף דעם וואס מען האט געזינדיגט, און חשבון איז אויף דעם וואס מען האט אין די זעלבע צייט נישט מקיים געווען א מצוה, ווייל א איד איז מחויב יעדע רגע און יעדע מינוט אין טאג מקיים צו זיין די מצוות פונעם אייבערשטן, מילא אויסער דעם וואס מען פאדערט א דין אויף די עבירות, גיט מען אויך אפ א חשבון אויפן נישט מקיים זיין יענע מינוט א מצוה.

שנים שיושבין ואין ביניהן דברי תורה הרי זה מושב לצים. עס ווערט געברענגט בשם הרב הקדוש הרבי ר' הערש מרימנוב זצ"ל, וואס האט געטייטשט שנים שיושבים ואין ביניהם, אז ס'איז נישטא קיין שום חילוק און פירוד צווישן זיי, קיינער האלט זיך נישט גרעסער אדער מער פונעם חבר, דאס אליין דברי תורה, אחדות אליין איז דברי תורה. פון די אנדערע זייט ווען עס זיצן מענטשן און איינער האלט זיך יא גרעסער פונעם צווייטן דאן איז דאס א מושב לצים.